זונטאג, א׳ שופטים, — די ראיאן קאנפערענץ פון אלע אגודות אין פאדליאשע.

מיר בעשולדיגען!...

(אויפ׳ן אדרעס פון דער אגודה צענטראלע).

אין „אונזער וועג״ נ. 29 איז ה׳ מ. שווארצמאן ארויס געטרעטען מיט א ארטיקעל א. נ. „מיר פאדערען״, ווי ס׳ווערט אויסגערעכענט א גאנצע רייהע פאדערונגען וואס די ארטאדאקסישע יוגענד שטעלט ביים היינטיגען מאמענט ארויס לגבי די צענטראלע אגודה אנפיהרונג.

מיר פאדערען! — אך, ווי קאמיש דאס קלינגט, ווי תמימותדיג און גלייכצייטיג גרויסמוטיג דאס איז ביים היינטיגען, אזוי צו זאגען, גסיסה צושטאנד פון די אגודה, ווען זי בעווייזט ניט קיין סמנים פון לעבען זאל מען נאך וואגען צו אפרירען מיט׳ן: מיר פאדערען — —

מיר פאדערען! — ניין, מיר זענען נישט בכח צו פאדערען, פאר אונז קען גאר דער אויסדרוק נישט עקזיסטירען. אויף צו קענען פאדערען מוז מען האבען אויך א „ריגאר״, מען מוז בעזיצען מיטלען אויך אויף דעם נעגאטיווען פוטענשואליטעט, מען מוז קענען אויספיהרען דעם: „און אויב נישט״ דעם „אין בעגעגטייל״ און · אויב מיר קענען ניט פערענדיגען דעם צווייטען האלבען זאץ איז דאס שטעלען זיך אין דער רעוואלוציאנערער פאזע און שרייען: מיר פאדערען! ניט מעהר ווי, אין בעסטען פאל, בלויז א שענער זשעסט.

ניין, מיר זענען ניט פעהיג צו קענען פאדערען, ווייל אויב מיר האבען ניט גיקענט אויסהאלטען דעם דראנג פון — — אונזער אייגענע אגודה ליטונג (זאל דער אמת געזאגט ווערען, ווי גאליק ער זאל ניט זיין) אויב אונזער בעוועגונג איז אין איהר רעכטען ענטוויקלען זיך דערשטיקט געווארען דורך — ווי פאראדאקסאל ס׳זאל ניט קלינגען איז ער דאך א ביטערער אמת — אונזערע · עלטערע אגודה מנהיגים און מיר זענען צו דעם אלעם געוואוינט אזוי גלייכגילטיג, פאסיוו, קאנען מיר אויך קיין פאל זיך ניט ערלויבען אויף דעם לוקסוס-ווארט: מיר פאדערען! אויף צו פאדערען דארף מען האבען מאכט, און, צו אונזער גרויסען בעדויערען, ביי אונזערע היינטיגע כחות-פערהעלטנישען פערמאגען מיר דאס ליידער ניט. — — —

מ י ר ב ע ש ו ל ד י ג ע ן! — אט דאס איז דאס איינציגע אויף וועלכען מיר, אלס שוואכע, קענען זיך ערלויבען; מיר בעשולדיגען — דארף דעריבער זיין דער פראטעסט אויסדרוק דער וועה-געשריי פון די אזוי וועניג איבערגעבליבענע העלדען פון די שרידים פון צא״י. מיר בעשולדיגען! אט דעו* עכא דארף פערהילכען די גאנצע יודישע גאס, און ענדליך מיר בעשולדיגען! —

1) מיר בעשולדיגען די אגודה צענטראלע, דאס טראץ די פיעלמאליגע רעזאלוציעס החלטות און בעשלוסען האט זי זיך די קלענסטע מיה ניט געגעבען צו ריהרען פון ארט דאס חינוך פראבלעם, דאס צו צענטראליזירען און סיסטעמאטיזירען, וועלכעס האט ליידער, פעראורזאכט דאס טויזענדער, צעהנדליגער טויזענדער יונגע יודישע נשמות (צוקונפטיגע אגודיסטען...) ווערען סיסטעמאטיש אוועקגעריסען פון חדר אין די הפקרות׳דיגע שולען אריין, ווערענדיג גלייכצייטיג אויך אוועקגעריסען פון יודישען מקור, פון יודישען עבר. —

2) מיר בעשולדיגען די אגודה צענטראלע דאס זי האט ניט בעוויזען צו שאפען, אדער לכה״פ מיט העלפען שאפען אין בית-יעקב שולע זאגאר, ערגיץ ווי אין גאנץ פוילען, און אינטערעסירט זיך אפילו נישט מיט זייער ענטוויקלונג עקזיסטענץ.

3) מיר בעשולדיגען די אגודה צענטראלע, דאס זי האט אבסאלוט ניט מיטגעהאלפען צום אויפבוי פון תורה-צענטרום פון די ישיבת חכמי לובלין, און בעמיהט זיך אויך ניט דאס ווי אמשנעלסטען צו פערענדיגען. —

4) מיר בעשולדיגען די אגודה צענטראלע דאס אין פערלויף פון דער גאנצער צייט פון איהר טעטיקייט האט זי ניט בעוויזען איבערצושיקען קיין אייג-איינציגען צעיר נאך ארץ ישראל, און בעזעצען איהם אויפ׳ן דארטיגען באדען. —

5) מיר בעשולדיגען די אגודה צענטראלע אין פריוואטע אמביציעס, פערזענליכע צאנקערייען, וואס ס׳מאכט אונמעגליך דאס ווידערשיינען פון א ארטאדאקסישען טאג-צייטונג.

6) מיר בעשולדיגען די אגודה צענטראלע דאס זי האט מיט העכסט אונווירדיגע מיטלען אונטערגעדרוקט די יוגענד-בעוועגונג, פאראליזירענדיג דאמ׳ט אויך די גאנצע אגודה בעוועגונג, און דאס האבען מיר טיילוויז צו פערדאנקען וואס פיעל, פיעל פון אונזערע געטרייעסטע חברים זענען פון אונז פערפרעמדט געווארען, און נעכטיגע אנהענגער זענען אין היינטיגע פערביסענע געגנער פערוואנדעלט געווארען.

7) מיר בעשולדיגען די אגודה צענטראלע אין אונראציאנעלען ווירטשאפטען מיט׳ן איהר, אינטעלי-גענדען בעאמטענטום, וועלכע, אנשטאט א אקטיווען אנטייל צו נעמען אין דער ווידער אויפלעבונג פון די אגודה דורך עפטערע בעזוכען און די פראווינציאלע אגודות, שטעהען אין ענגערן קאנטאקט מיט די פיליאלען, האט זי גאנצע טעג געפוסט-און-געפאסטעוועט יוצא זייענדיג מיט׳ן אויפרייסען בלויז די קאנווערטען און איבערלייענען די פראווינצער קארעספאנדענץ.

8) מיר בעשולדיגען די ארטאדאקסישע כיים דעפוטאטען און סענאטארען—פאר וועמען מיר האבען ביי די פריהערדיגע סיים וואהלען אזוי מסירת-נפש׳דיג געארבייט צו פערגרעסערען זייער צאהל — אז זיי האבען קיין פינגער, ממש, ניט צוגעלייגט צו וועלכע ס׳איז אגודה ארבייט און האבען אויסגעמיטען (מיט גאנץ קליינע אויסנאהמען) צו קומען עפטער אין בעריהרונג מיט די ארט מאסן. און ענדליך

9) מיר בעשולדיגען די אגודה צענטראלע אין ניט אויסניצען, ווי געהעריג, לטובת די אגודה, די פאסיגע מאמענטען און גינסטיגע קאניונקטורען, וועלכעס ס׳בעשטעטיגט זייער ניט ענטשפרעכעדע פעהיגקייט, צו שטעהען אין שפיץ פון אזא ריעזען בעוועגונג.—

אט דאס, אין קורצען פארמולירט, איז אינזער בעשולדיגונג׳ס אקט געגען וועלכען די היינטיגע אגודה צענטראלע וועט זיך מוזען אמאהל ריינוואשען פאר דעם שטרענגען און אונברחמנות׳דיגען ריכטער — די געשיכטע — — — — — — — — — — —

לוקאוו. צבי לערמאן.

די הכנות צו דער ראיאן קאנפערענץ.

די הכנות צו דער ראיאן-קאנפערענץ זענען אי״ן פולען גאנג. ס׳ווערען געמאכט אלע פארברייטונגען, אז די קאנפערענץ זאל פארקומען אין איינעם פון די היגע גרעסערע זאלען. אין משך פון דער וואך זענען דערהאלטען געווארען אין סעקרעטאריאט בריף ממעט פון אלע אגודות אין פאדליאשע, וועלכע מעלדען וועגען זייער אנטייל. ס׳איז אויך פאראויסצוזעהן אז ס׳זאל אנטייל נעהמען אין דער קאנפערענץ א רייהע אנגעזעהענע אגודה פערזענליכקייטען און רבנים פון ראיאן. דער ארגאניזיר קאמיטעט האט די וואך אבגעהאלטען א רייהע זיצונגען אויף וועלכער ס׳איז נאך א לענגערע דיסקוסיע בעשטעטיגט געווארען פאלגענדער סדר היום:

סדר היום פון דער ראיאן קאנפערענץ

1-שטע זיצונג — זונטאג 1 נ. מ.

1) ערעפנונג
2) וואהלען פון א פרעזידיום
3) בעגריסונגען
4) וואהלען פון א פערמאנענץ אויסשוס.
5) רעפעראט איבער׳ן מצב פון דער אגודה.
6) דיסקוסיעס.

2-טע זיצונג.

7) רעפעראט איבער דער פאליטישער טעטיגקייט פון דער אגודה אין גלות און אין א״י.
8) דיסקוסיעס.
9) רעפעראט איבער׳ן חנוך און חיזוק התורה והדת
10) דיסקוסיעס.

3-טע זיצונג.

11) רעפעראט וועגען דער ארטאדאקסישער פרעסע אין ליטעראטור.
12) דיסקוסיעס.
13) בעריכטען פון די פראווינצער אגודות.

4-טע זיצונג.

14) רעפעראט איבער דער ארגאניזירונג און אויפבוי פון די פאדלאשער אגודות.
15) דיסקוסיעס.
16) אבשטימען די החלטות.
17) וואהלען פון א ראיאן קאמיטעט. 18) שלום.

גלייכצייטיג ווערט געמאלדען אז פון זונטאג 9 פריה ביז דער ערעפנונג פון דער קאנפערענץ וועט דער סעקרעטאריאט ביים ארגאניזיר קאמיטעט זיין טעטיג אין לאקאל פון דער ארטיגער אגודה (יודישע. 14, אלע דעלעגאטען פון דער פראווינץ ווערען געבעטען תיכף ביי זייער אנקומען זיך צו מעלדען אין סעקרעטאריאט, כדי ארויסצובעקומען די ספעציעל צוגעגרייטע דעלעגאטען קארטעס.

פון דער וואך.

די רעגירונג האט בעשטימט א 2-מיליאניגען קרעדיט פאר האנדווערקער׳טום פון פוילען. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט זיך היינטיגע וואך פארגעשטעלט אין פ. ק. א. א דעלעגאציע פון צענטראלען האנדווערקער פערבאנד צוזאמען די איבעריגע ווירטשאפטליכע ארבייטער ארגאניזאציעס. די דעלעגאציע האט אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם וואס מהאט איינגעלאדען נאר פארשטעהר פון פוילישען האנדווערקער פעראיין און נישט פון יודישען. גלייכצייטיג האט די דעלעגאציע ערקלערט און צוגעשטעלט סטאטיסטישע מאטעריאלען אז 50 פראצענט פון אלע האנדווערקער אין פוילען זענען יודען דעריבער דארף זיך די פ. ק. א: דערמיט רעכענען. די דעלגאציע האט אנגעוויזען אז זייט 1924—1925 האבען זיך איבער 5 טויזענד האנדווערקער ווארשטאטען אדער איינגאנצען פערמאכט אדער זיך פערקלענערט און דאס איז צוליעב די קרעדיט פראגע. און אויב עס זאל אזוי ווייטער געהן וועלען זיך נאך פיעל טויזענדער ווארשטאטען מוזען שליסען.

דער וו. פ. ה׳ מיכטשינסקי האט ערקלערט אז ער גלויבט אז מיט די סומע פון 2 מיליאן זל. קרעדיט וועט אריינקומען א אויפלעבונג אין די האנדווערקער וועלט. און דאס געלד וועט די רעגירונג געבען דורך דער פערמיטלונג פון האנדווערקער קאמער.

*

דער פארשטעהער פון דענישען רויטען קרייץ אין אוקראינא, ה׳ פושנאווסקי, טרעט ארויס אל: עדות אין שווארצבארד׳ס פראצעס. ער בעשטעטיגט, אז פעטלורא פלעגט ארויסגעבען בעפעלען צו ארגאניזירען פאגראמען אויף יודען.

*

מארשאל פילסודסקי האט אויפגענומען דעם באראנאוויטשער רב מיט וועמען ער האט געהאט א געשפרעך זעקס שעה.

*

די פראנצויזישע רעגירונג לעגט פאר סיריען פאר· א גרויס יודיש קאלאניזאציאנס ארט.

*

די אונרוהיגע שטימונג אין רוסלאנד פערשטארקט זיך וואס ווייטער. במשך פון דער וואך זענען ענטדעקט געווארען פיעל געהיימע דרוקערייען ווי אויך סקלאדעס מיט געוועהר ביי זינאוויעוו׳ס אנהענגער. די קאמוניקאציע צווישען לענינגראד און קראנשטאדט איז איבערגעריסען.

*

ביאליסטאק (איפב) דא איז אויף א גרויסארטיגען אופן געפייערט געווארען דער 100 יעריגער יובילעאום פון דער היגער ת״ת אין וועלכען עס האבען זיך בעטייליגט דער ראבינאט, די רבנים פון דער פראווינץ, די ראשי הקהלה און 800 קינדער פון דער ת״ת.

*

אויף א גלצועל טהיי וואס איז געווען איינגעארדענט ביים פרעמיער באַרטעל פאר א ענגען קרייז פאליטיקער האט איינער פון די אנוועזענדע זיך געווענדעט צום פרעמיער בארטעל מיט דער פראגע, ווען דער איצטיגער סיים וועט אויפגעלייזט ווערען. דערויף האט דער פרעמיער בארטעל געענטפערט אז דער סיים וועט אויפגעלייזט ווערען, ערשט ווינטער צייט אדער ערשט דאן, ווען עס וועט זיך ענדיגען זיין נארמאלע קאדענץ, ד. ה. אין הערבסט 1927 יאהר.

אונזער וועג-שעדליץ 1926-08-06 כו-אב-תרפו גליון-0100 000003 a הודפס מתוך הארכיון היהודי